**נאַר) אַז דער איד זאָל אים אָנגעבן אַ ווייטערדיקן מקום פון דעם וואוהין ער גייט באמת[58]; און דורכדעם „אולי ימתין" מיט זיין היזק ביזן ווייטערדיקן מקום, ובינתיים וועלן זיי זיך פורש זיין מהם[59].**

**יד. דער ביאור בפנימיות הענינים:**

**ס'איז ידוע[60] אַז בשעת מען לערנט אַרויס איין ענין פון אַ צווייטן אין תורה, איז דער ביאור בזה, אַז דער ענין המלמד איז די סיבה וואָס פון אים ווערט מסובב ונמשך דאָס וואָס עס קומט צו אין דעם דבר הנלמד.**

**ועד"ז בעניננו: דאָס וואָס אַ איד במשך כל הזמנים ובכל הדורות ווערט געראַטעוועט פון אַ נכרי וואָס „שאלו להיכן אתה הולך", איז דורך דעם וואָס אין דעם איז פאַראַן (בפנימיות) דער דרך שהרחיב יעקב[61] — „עד אשר אבוא אל אדוני שעירה"[62].**

**די הסברה בזה:**

**דאָס וואָס אַ גוי (און גוי'אישקייט) קען האָבן אַ שליטה ח"ו אויף אַ אידן, איז דאָס בשעת דער איד פירט זיך אין אַן אופן אַז זיין „אָרט" איז אין גלות ביי דעם גוי; און דעריבער, מיינט דער גוי אַז דער איד איז „באמת" אונטער זיין שליטה.**

**בשעת אָבער אַ איד איז „מרחיב לו הדרך" — ער זאָגט דעם גוי אַז זיין געפינען זיך אין גלות איז בלויז אַן אָפּשטעל** באמצע **הדרך: ער האַלט אין מיטן דער הליכה פון „עד אשר אבוא אל אדוני שעירה" — צו דער גאולה, וואָס דעמולט וועט זיין פאַרקערט: „ועלו מושיעים בהר ציון** לשפוט את הר עשו **והיתה לה' המלוכה" —**

**זיין געפינען זיך בגלות איז די** הכנה, **דער דרך און גיין צו דער גאולה: מען האַלט אין דער עבודה פון מברר זיין דעם עולם, צו דורכברעכן דעם חושך העולם פון עולם הזה דורך נר מצוה ותורה אור, צוגרייטן די וועלט צו דער גאולה העתידה, ווען[63] „והי' לך ה' לאור עולם וגו'"[64] „והלכו גוים לאורך וגו'"[65] „ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר יחדיו כי פי ה' דיבר"[66] —**

**און דעמולט בעת ההכנה להגאולה ווערט בטל דער כח פון גוי'אישקייט ובמילא — פונעם גוי און ער פאַרלירט זיין שליטה אויף אַ אידן;**

**ביי אידן ווערט אַ מצב של מנוחה, אַז נאָך גייענדיק אין דער הליכה פון „דרך הגלות אל הגאולה", נאָך איידער מען**

58) ומה שלא הביאו הרמב"ם בפירוש להלכה — אולי י"ל כיון שלא נאמר בגמ' בפירוש, בסגנון של דין והלכה כ"א סיפור מעשה. וראה יד מלאכי כללי הרמב"ם אות ב ואות ה. שד"ח כללי הפוסקים שבהערה 31. וראה בהערה הבאה. ועצ"ע.

59) ואולי י"ל דעד"ז הוא לדעת הרי"ף והרא"ש ע"ז שם, שהעתיקו מעשה בתלמידי רע"ק שבגמרא* אף שהם ספרי פסקי הלכות. כי באו להשמיענו עוד דין כאשר ברי היזקא.

60) ראה לקו"ש ח"ה ע' 241. ח"ו ע' 26. חכ"א ע' 74.

61) להעיר ממחז"ל מעשה אבות סימן לבנים (ראה תנחומא לך ט. ב"ר פ"מ, ו. רמב"ן לך יב, ו. תו"ח לך פג, סע"ג ואילך. וראה לקו"ש חט"ו ע' 76).

62) להעיר מפענח רזא כאן: ואני אתנהלה לאטי לסבול צרת הגלויות כו'.

*) כי דוחק לומר שהוא בשביל לידע הפירוש בירחיב לו הדרך שיאמר להם דרך רחוקה יותר מאשר בדעתו לילך כהמעשה דתלמידי רע"ק.

63) ראה תניא פל"ו.

64) ישעי' ס, יט.

65) שם, ג.

66) ישעי' מ, ה.